## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר שמשון הלל כ"ץ הי"ו

יום ג' פרשת ויקהל פקודי תשע"ג לפ"ק

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז ווען מען האט גענזינדיגט מיטן חטא העגל, האט משה רבינו אויסגערופן, מי לה' אלי. ויאספו אליו כל בני לוי, און משה רבינו האט זיי געזאגט, מלאו ידכם היום לה', כי איש בבנו ובאחיו, ולתת עליכם היום ברכה (שמות לב-כו). עס שטייט אין ספרים הק', אז די ראשי תיבות פון מ'לאו י'דכם ה'יום ל'ה', איז מיל"ה. משה רבינו האט מרמז געווען דא די מצוה פון מילה. און מען דארף פארשטיין, מה ענין שמיטה אצל הר סיני. מען שטייט דא ביים עגל, און מען דארף הרג'ענען די אלע וואס האבן געדינט עבודה זרה, און משה רבינו נעמט צוזאם די אלע וואס ווילן מקנא זיין קנאת ה' צבאו'ת, און ער רופט אויס מי לה' אלי, פארוואס איז ער דא מרמז די מצוה פון מילה.

**מען** זעהט א דבר פלא, אז פון גאנץ כלל ישראל, איז פונקט שבט לוי געווען די וואס האבן זיך צוגעשטעלט צו משה רבינו, און זיי האבן נישט געקוקט אויף די משפחה, האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו, ואת אחיו לא הכיר, ואת בניו לא ידע (דברים לג-ט), זיי האבן נישט געקוקט אויף די קינדער, זיי האבן נישט געקוקט אויף טאטע און מאמע, ווער עס האט געדינט עבודה זרה זענען זיי געווען גרייט צו הרג'ענען. עס איז געווען אנדערע וואוילע יודען אויך אינעם מדבר, פארוואס זענען דווקא שבט לוי זיך צוזאמגעקומען צו משה רבינו.

**עס** שטייט אין די גמרא (יבמות עא:), אז ווען די יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, האט מען מבטל געווען מצות מילה, ווייל אין מדבר איז נישט געווען קיין רוח צפונית, און מען האט זיך נישט גע'מל'ט, ביז מען איז אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל אין די צייטן פון יהושע, וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, שוב מול את בני ישראל שנית (יהושע ה-ב). עס שטייט אבער אין מדרש (ספרי במדבר ט-יח) אז שבט לוי האבן נישט מבטל געווען מצות מילה אפילו אין מדבר. כאטש מען איז געווען אין א פלאץ וואו עס וועט זיך נישט גרינג היילען, פון דעסטוועגן דאך האבן זיי מיט מסירת נפש געטון וואס מען דארף צו טון, און זיי האבן גע'מל'ט זייערע קינדער.

**ווען** מען נעמט א קליין קינד, און מען מל'ט אים, מען פארגיסט זיין בלוט פארן אייבערשטען, איז דאס א ענין פון מסירת נפש. און דאס גיט די כח פון מסירת נפש פאר א יוד, אויף כל ימיו. מען לערנט אים אויס ביי די אכט טאג, אז א יוד דארף זיך לאזן פארגיסען זיין בלוט פארן אייבערשטען. דער וואס איז מקיים מצות מילה מיט מסירת נפש, ביי דעם בלייבט א כח פון מסירת נפש צו אלעם. עס איז נישט נאר די מילה וואס איז מיט מסירת נפש, נאר וואס מען טוט, איז מיט מסירת נפש.

**אזוי** ווי שבט לוי איז געווען דער איינציגסטער שבט וואס זיי האבן גע'מל'ט אלע זייערע קינדער, איז ביי זיי נטבע געווארן מסירת נפש. מען קוקט נישט אויף גארנישט, עס איז נישט דא קיין אביו ואמו, עס איז נישט דא קיין בנו, עס איז נישט דא קיין אחיו, 'האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו, ואת אחיו לא הכיר, ואת בניו לא ידע', פארוואס, ווייל 'כי שמרו אמרתך', ברית מילה ווערט אנגערופן 'אמרתך' (שבת קל.), שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב (תהלים קיט-קסב). כי שמרו אמרתך, זיי האבן אפגעהיטן די אמירה פון ברית מילה, 'ובריתך ינצורו', און זיי האבן געהיטן ברית מילה. און אז מען היט ברית מילה, האט מען די כח פון מסירת נפש אויף שטענדיג.

**משה** רבינו האט געזעהן אז די אלע בני לוי זענען געקומען, און זיי קוקען אויף גארנישט, זיי זענען גרייט צו הרג'ענען די משפחה, האט

ער געזאגט, מלאו ידכם היום לה', דאס וואס עטץ האטס א כח אז עטץ קענטס אנפילען ענקער הענט היינט פארן אייבערשטען, דאס איז זכות פון מצות מילה. דאס איז די כח פון מסירת נפש וואס איז געבליבן ביי ענק פון די מצוה פון מילה.

## בסעודת שבע ברכות של הרב אברהם ברוך באב"ד שליט"א

שנערכה על ידי התלמוד תורה - יום ג' פרשת ויקהל - פקודי תשע"ג לפ"ק

**עס** שטייט אין די גמרא (מנחות כט.) אז דער אייבערשטער האט געהייסען פאר משה רבינו צו מאכן די מנורה, און נתקשה משה במעשה המנורה, עס איז שווער געווען פאר משה רבינו, ווי אזוי מען מאכט די מנורה. עס איז געווען זייער א שווערע ארבעט צו מאכן די מנורה, מען האט נישט געקענט צושטעלן איין שטיקל צום צווייטען, נאר עס האט געדארפט זיין מקשה, מען האט געדארפט אויסקלאפן די גאנצע מנורה פון א שטיק גאלד, און משה רבינו האט נישט געוואוסט ווי אזוי מען מאכט עס. און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, נעם א שטיק גאלד, און ווארף עס אריין אינעם פייער, און די מנורה וועט ארויסקומען פון זיך אליין. אזוי שטייט אין פסוק (שמות כה-לא) מקשה תיעשה המנורה, די מנורה זאל געמאכט ווערן (תנחומא בהעלותך ג).

**מען** דארף פארשטיין, מען רעדט פון חכמי לב, קלוגע מענטשען, וואס האבן געקענט אויפשטעלן א משכן, מיט אלע שוועריקייטן וואס איז דא אינעם משכן. עס איז זיכער געווען א חכמה אלקית מען זאל דאס קענען מאכן, יודע היה בצלאל לצרף אותיות שנברא בהם שמים וארץ (ברכות נה.), בצלאל איז געווען בכח צו באשאפן א וועלט, ער האט געוואוסט ווי אזוי מען באשאפט א וועלט, ער האט געקענט די אותיות דערפון, האט ער זיך נאך געקענט א עצה געבן מיט א מנורה. און משה רבינו האט זיך אויך געקענט א עצה געבן ווי אזוי מען מאכט א מנורה. וואס איז פשט אין נתקשה משה במעשה המנורה, אז עס איז אים געווען שווער, ער קען עס נישט מאכן אליין. און דער באשעפער האט אים געזאגט, ווארף עס אריין אינעם פייער, און עס וועט געמאכט ווערן פון זיך אליין.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין א כוונה. די מנורה דאס ווייזט אויף די לומדי תורה וואס זיצען און לערנען תורה. די מנורה דאס איז נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג), דאס איז א רמז אויף תורה וואס ווערט אנגערופן ליכטיגקייט, ווייל ווען מען האט נישט קיין תורה לעבט מען אין פינסטער. תורה דאס טוט באלייכטן די וועגן פונעם מענטש, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. צו לערנען תורה, און אויסוואקסן א תלמיד חכם, איז זייער שווער, עס קומט נישט אן גרינג. נתקשה משה במעשה המנורה, משה רבינו איז שווער געווען ווי אזוי קען מען אויסוואקסען א מנורה, ווי אזוי קען מען אויסוואקסען א תלמיד חכם, ער זאל האבן די גביעים, מיט די כפתורים, מיט די פרחים, וואס דאס ווייזט אויף די שיינקייט וואס איז דא אין תורה. אויף א שיינע דבר תורה זאגט מען, אז עס איז כפתור ופרח. ווי אזוי קען א מענטש צוקומען דערצו, עס איז שווער דאס לערנען, און אין די יונגע יארן אוודאי, ביז מען קומט אריין אינעם לערנען. ווען מען האט געלערנט איין מסכתא, פארגעסט מען די פריערדיגע, און ווען מען לערנט די דריטע מסכתא, פארגעסט מען די צווייטע. מען דארף שטענדיג חזר'ן כדי צו געדענקן, ווי אזוי איז מעגליך אז מען זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם, נתקשה משה במעשה המנורה.

**אבער** מען זעהט אז מען קען עס יא באווייזען, מען זעהט אז עס איז דא תלמידי חכמים וואס קענען כל התורה כולה. מען רעדט נישט פון הונדערט יאר צוריק, נאר אין דעם דור איז דא תלמידי חכמים וואס קענען כל התורה כולה. וואו מען וועט זיי פרעגן וועלן זיי וויסען צו ענטפערן, און זיי געדענקן קלאר וואס מען האט געלערנט. דאס איז נישט א זאך בדרך הטבע אז

מען זאל דאס קענען, עס איז נאר א כח מן השמים. **וועו א יוד וויל זיך מקדיש זיין פאר תורה, באקומט ער כוחות פונעם הימל, דער אייבערשטער גיט אים כוחות, אז ער זאל קענען שטייגען אין תורה. ער דארף נאר וועלן, אבער טאמער ער וויל, ער האט א רצון, קומט מען אן, וויפיל מען קומט אן בדרך הטבע מיטן רצון, און דער אייבערשטער טוט נאכדעם צוהעלפן, אז מען זאל קענען שטייגען העכער און העכער.** דאס וואס מען וואקסט אויס אזעלכע גרויסע תלמידי חכמים, דאס איז נישט קיין אייגענע כוחות, נאר דאס איז כוחות וואס דער אייבערשטער גיט פאר דעם וואס וויל לערנען. און יעדער איינער קען עס פראבירן, **די מסכתא וואס ער וועט וועלן קענען, וועט ער וועט זיך אריינלייגען דעם קאפ אז ער וויל קענען די מסכתא, וועט ער זעהן אז ער וועט עס קענען. ער וועט האבן סייעתא דשמיא, צו געדענקן וואס ער לערנט.**

**און** דער אמת איז, אז משה רבינו אליין האט געלערנט די גאנצע תורה פונעם אייבערשטען. וויפיל צייט האט אים גענומען צו לערנען די תורה? פערציג טאג. ער איז געווען אין הימל פערציג טעג, און אין די פערציג טעג האט אים דער אייבערשטער געגעבן די גאנצע תורה. ויתן אל משה ככלותו לדבר אתו (שמות לא-יח), דער באשעפער האט אים איבערגעגעבן די תורה, אזוי ווי א כלה וואס ווערט איבערגעגעבן פארן חתן, אזוי האט מען איבערגעגעבן פאר משה רבינו כל התורה כולה (תנחומא יח). איז דאס מעגליך צו פארשטיין? אז אין פערציג טעג זאל מען קענען קענען די גאנצע תורה. עס איז נאר א כח וואס דער אייבערשטער גיט במתנה.

**ווען** עס איז נתקשה משה במעשה המנורה, ווען פאר משה רבינו איז שווער געווען, ווי אזוי מען מאכט א מנורה, ווי אזוי קען מען אויסוואקסען א תלמיד חכם, א מנורה, מיט כפתורים און גביעים און פרחים, קענען גאנץ ש"ס, קענען ארבעה חלקי שלחן ערוך, וויסען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, און מחדש זיין חידושי תורה, כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש ניתנה למשה מסיני (ויק"ר כב-א), ווי אזוי קען מען דאס קענען. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, איך וועל דיר זאגן ווי אזוי מען מאכט א מנורה. דו דארפסט קודם האבן די פייער צו וועלן קענען, דו דארפסט האבן די ברען צו תורה, וועו דו וועסט זיך אריינווארפן אינעם פייער, און דו וועסט וועלן קענען די תורה, והיא נעשית מאליה, וועסטו זעהן אז דו וועסט אויסוואקסען א תלמיד חכם. נעם דעם שטיק גאלד, און ווארף עס אריין אין פייער, דו וועסט זעהן אז עס וועט ארויסקומען דערפון א מנורה. דער אייבערשטער בעהט פון אונז פייער, ער בעהט פון אונז ווארימקייט, צו וועלן קענען, און וועלן אויסשטייגען. און אז מען וויל אויסשטייגען, וואקסט מען אויס.

**מען** זיצט ביי א סעודת שבע ברכות, עס איז א זמן פון א שמחה. זיבן טעג איז דא א חיוב מדרבנן, אז חתן וכלה דארפן זיך משמח זיין. די שמחת חתן וכלה איז נישט נאר פאר זיי, עס איז אויך פאר די גאנצע משפחה, און פאר די אלע שושבינין, און פאר אלע וואס האבן א שייכות דערצו. שמחה דאס איז דער מיטל צו עבודת ה'. די חשיבות פון עבודת ה' איז שמחה, פריילכקייט. אייביג זיין פריילך, און נישט זיין צוגעליגט, מען דארף זיך דערווארימען מיט א פריילכקייט, און א אויפגעלעבטקייט, פיקודי ה' ישרים משמחי לב (תהלים יט-ט), די תורה הק' ווערט אנגערופן פיקודי ה' ישרים, די ווערטער פונעם אייבערשטען זענען ישרים, און עס איז משמחי לב. וועו מען זיצט און מען לערנט תורה, ברענגט עס אריין א שמחה. און וואס מען טוט, דארף מען טון מיט א שמחה. דאס דאווענען דארף נישט זיין מיט א עול, אז מען דארף קומען אין בית המדרש דאווענען. און דאס לערנען דארף נישט זיין מיט א עול, מען האט ארויפגעצווינגען אז מען דארף לערנען, נאר קומען מיט א פריילכקייט און א צופרידענהייט, איך וויל וואקסען, איך וויל אויסשטייגען, און דעמאלטס איז מען זוכה אז מען זאל קענען אויסוואקסען וואס מען דארף אויסצושטייגען.

**איך** האב זייער הנאה געהאט פון דאס יונגעל וואס האט געלערנט פורים און שושן פורים.

מילא וואס מען לערנט אין חדר, האט מען דאך נישט קיין ברירה, אז די רבי איז דארט מוז מען לערנען, אבער זיצען אין שטוב און לערנען ווען מען הייסט נישט צו לערנען, דאס ווייזט אויף פיקודי ה' ישרים משמחי לב. ווען ווייסט מען צו איינער האלט ביים לערנען צו נישט, נישט פון דעם וואס ער לערנט אין חדר, נאר ווען ער גייט אהיים פון חדר, און ער האט פרייע צייט, און ער נוצט אויס די צייט אויף לימוד התורה, דאס ווייזט אויף זיין צוגעבינדענקייט צו תורה.

**עס** איז א זמן פון שמחה, זאל דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן זיך קענען משמח זיין שטענדיג, וויסען די חשיבות פון תורה, פארשטיין אז דאס איז אונזער לעבן, כי הם חיינו ואורך ימינו, מען האט גארנישט אויף די וועלט, נאר וואס מען איז אויסגעשטיגען גרויס אין תורה און עבודת ה'. דער אייבערשטער זאל ענק בענטשען, אז איר זאלט קענען שטייגען בתורה וביראת שמים, פלייסיג לערנען, און אויסנוצן די צייט וואס מען האט און אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען, ענקערע עלטערן און ענקערע רבי'ס זאלן זעהן ביי ענק אסאך נחת דקדושה. די שמחה זאל ברענגען אסאך שמחות ביי אלע יודישע שטובער, עוד ישמע בערי יהודא ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

## שיחות ודברות קודש לפרשת ויקרא משנת תשע"ג לפ"ק

### בסעודת בר מצוה של בן הר"ר אברהם מאיר זיידענפעלד הי"ו

יום ג' פרשת ויקרא תשע"ג לפ"ק

**ויקרא** אל משה, וידבר ה' אליו מאוהל מועד לאמור (ויקרא א-א), דער אייבערשטער האט גערופן צו משה רבינו, און ער האט אים איבערגעגעבן די חלקים פון תורה וואס ער האט געלערנט מיט אים אינעם אוהל מועד. אין דאס ווארט 'ויקרא' איז דא א אל"ף זעירא, א קליינע אלף. עס שטייט אין **בעל הטורים**, אז דער אייבערשטער האט געהייסען פאר משה רבינו, אז ער זאל שרייבן א גרויסע אל"ף, און משה רבינו האט געשריבן א קליינע אל"ף. די מפרשים שטעלן זיך שוין, וואס איז דער ענין פונעם אל"ף זעירא.

**דער** מדרש (ויק"ר ב-א) זאגט, אדם אחד מאלף מצאתי (קהלת ז-כח), טויזנט תלמידים גייען אריין אין בית המדרש לערנען, און פון דעם גייען ארויס א חלק למשנה, און א חלק גייען ארויס לתלמוד, ואחד מהם יוצא להוראה, צום שלימות פון די תורה גייט נאר ארויס איינער פון טויזנט תלמידים. די וועלט פארציילט א מעשה פונעם **ערוגת הבשם** (נדפס **בתולדות ערוגת הבשם** החדש ח"א דף קפז), אז ווען ער איז געווען א יונגערמאן, נאך פאר ער איז געווען א רב, ווען ער האט נאך עוסק געווען אין מסחר, האט ער אין די פרייע צייט וואס ער האט געהאט געעפנט א ישיבה, ער האט אנגעהויבן צו לערנען מיט בחורים. און ער האט זיך אמאל געטראפן מיטן **מחנה חיים**, האט אים דער **מחנה חיים** געזאגט, איך הער אויף אייך אז איר האט א ישיבה, און איר לערנט מיט בחורים. האט ער אים געזאגט, יא, אבער עס איז אזוי בזעיר אנפין. איך האב נישט מער פון פופצן צוואנציג בחורים, וואס מיט זיי לערן איך. האט אים דער **מחנה חיים** געזאגט, אז די מדרש זאגט, אז אלף תלמידים זענען נכנסין לבית המדרש, ואחד מהם יוצא להוראה. פארוואס איז עס טאקע אזוי, אז פון טויזנט תלמידים קומט נאר איינער צו צום שלימות פון די תורה. האט ער געזאגט, ווייל ווען עס איז דא טויזנט תלמידים, קען מען זיך נישט אפגעבן מיט יעדן איינעם עקסטער, קען נאר איינער ארויסקומען להוראה. אבער אז מען האט צוואנציג תלמידים, קען מען זוכה זיין, אז אלע זאלן ארויסגיין להוראה.

**ליכא** מידי דלא רמיזי באורייתא (תענית ט.), אלעס האט א רמז אין די תורה. דער אות אל"ף אליין איז א רמז אויף דעם אדם אחד מאלף מצאתי, אז נאר אחד מהם יצא להוראה. מען ווייסט, אז לימוד התורה ווערט אנגערופן אל"ף, אזוי שטייט אין די גמרא (שבת קד.), אז די דרדקי זענען געקומען, און זיי האבן גע'דרש'נט די אותיות פון די א"ב. און זיי האבן געזאגט, א' ב' דאס איז אלוף בינה, מען זאל לערנען תורה. ג' ד' דאס איז גמול דלים. אל"ף איז א לשון פון לערנען תורה, ואאלפך חכמה (איוב לג-לג). אין דעם אות א', אויסער לימוד התורה וואס ליגט דערין, ליגט דערין אויך א א', עס איז נאר איינס. און עס ליגט דערין אלף, טויזנט. ווייל עס איז 'אחד מאלף', ווען עס קומט צו לימוד התורה, איז אלף נכנסין לבית המדרש, און אחד מהם איז יוצא להוראה.

**משה** רבינו איז געווען דער אדם אחד מאלף. און דער אייבערשטער האט אים געהייסען אז ער זאל שרייבן א אל"ף רבתי, ווייל אלף רבתי דאס איז טויזנט, און עס איז אויך איינס. משה רבינו האט זוכה געווען צו זיין דער אחד מאלף וואס איז יוצא להוראה. משה רבינו איז געווען פערציג טעג אויבן אין הימל, און דער אייבערשטער האט אים איבערגעגעבן כל התורה כולה. כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, נתנה למשה רבינו מסיני (ויק"ר כב-א). ולא קם נביא עוד בישראל כמשה (דברים לד-י). אבער משה רבינו האט נישט געוואלט נעמען אויף זיך אזא גרויסן טיטל, אז ער זאל שריבען אויף זיך אלף רבתי, אז ער האט זוכה געווען צו זיין דער

אחד מאלף. האט ער עס נאר געשריבן מיט א קליינעם אלף, צו ווייזן אז ער איז נאר איינער פון די איבריגע תלמידים וואס איז דא אין בית המדרש. און אין דעם זכות איז געווען ויקרא אל משה, האט משה רבינו זוכה געווען אז ער איז געווען דער אחד מאלף. ווייל ער האט געהאט אין זיך די מדה פון והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה, האט ער זוכה געווען דערצו אז ער איז אויסגעוואקסען א משה רבינו.

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר אביגדור בלומענפעלד הי"ו

יום ה' פרשת ויקרא תשע"ג לפ"ק

**אדם** כי יקריב מכם קרבן לה', מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם (ויקרא א-ב). דער הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו) זאגט, אז אין דעם פסוק איז דא א רמז אויף מצות מילה. יעדע מענטש ברענגט פון זיך אליין א קרבן פארן אייבערשטען, מיט דעם וואס מען איז זיך מכניס בבריתו של אברהם אבינו, דאס איז א בחינה פון א קרבן. עס שטייט אין די פוסקים (עיין **בשו"ת חתם סופר** או"ח סימן קנט) אז דער סנדק איז אזוי ווי א מזבח, און דאס קינד וואס מען איז מל, דאס איז אין די בחינה פון א קרבן וואס מען ברענגט פארן אייבערשטען. דער **חתם סופר** זאגט על פי דרכו, אז א ערל האט נישט געטארט אריינגיין אין די עזרה, און ער האט נישט געקענט מאכן קיין סמיכה. האט ער זיך געמוזט קודם אליין מל'ן, כדי אז ווען ער וויל ברענגען א קרבן, זאל ער קענען מאכן סמיכה אויפן קרבן. קודם פעלט אויס אדם כי יקריב מכם קרבן לה', ער דארף פון זיך אליין מקריב זיין א קרבן, און נאכדעם מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם, וסמך ידו על ראש העולה, דעמאלטס קען ער מאכן סמיכה און טון די עבודה.

**ברית** מילה איז נישט נאר א איינצעלנע מצוה פאר זיך אליין, נאר דאס איז די הכנה אז א יוד זאל קענען שפעטער מקיים זיין אלע מצות פון די תורה. כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כג), גייט ארויף אויף מילה (גיטין נז.). יודען הרג'נען זיך פארן אייבערשטען, מען מל'ט זיך, כל היום, יעדן טאג איז דא ברית'ן. אין די מפרשים שטייט, אז עס ליגט דערין נאך טיפער. מיט דעם וואס א טאטע איז מכניס זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו, און עס איז דאך א מסירת נפש, נעמען א קליין קינד און מל'ן, מיט דעם גיט ער א כח פארן קינד, פון ווען דאס קינד ווערט געבוירן, אז דאס קינד זאל שטענדיג האבן מסירת נפש פארן אייבערשטען. אזוי ווי ווען מען האט אים מכניס געווען בבריתו של אברהם אבינו, איז עס געווען מיט מסירת נפש, זאל ער האבן מסירת נפש פאר אלע מצות פון די תורה. ווען עס וועט זיך שפעטער מאכן די נסיונות אינעם לעבן, זאל ער קענען האבן דערויף מסירת נפש. - כי עליך הרגנו כל היום, אז א מענטש זאל זיך קענען הרג'ענען פארן אייבערשטען יעדן טאג. יעדער טאג האט זיך זיינע פראבלעמען, מיט זיינע נסיונות וואס דער מענטש האט. אז א מענטש זאל קענען שטענדיג עומד זיין בנסיון, זו מילה, דאס איז דער כח פון מילה וואס מען לייגט אריין אינעם קינד, אז ער זאל שטענדיג האבן מסירת נפש פארן אייבערשטען.

**דער** ענין פון ברענגען א קרבן, איז אויך א ענין פון מסירת נפש. ווען א יוד ברענגט א קרבן פארן אייבערשטען, דארף ער זיך פארשטעלן כאילו ער וואלט זיך אליין מקריב געווען פארן באשעפער. ער איז זיך נישט מקריב אליין ווייל ער דארף ווייטער לעבן, ער דארף דאך טון דעם רצון פונעם באשעפער. אבער די נקודה פון מסירת נפש, דאס איז דער ענין פון א קרבן. ווי אזוי קען א מענטש צוקומען דערצו, אז ער זאל זיך קענען מוסר נפש זיין פארן באשעפער, אדם כי יקריב מכם קרבן לה', ווען מען איז קודם מקריב פון זיך א קרבן פארן אייבערשטען, מען מל'ט א קינד, וואס דאס איז א קרבן וואס מען ברענגט פון ענק אליין, מען גיט אוועק א חלק פון זיך פארן אייבערשטען, מען איז מטיף דם ברית פארן רבונו של עולם,

דאס ברענגט צו נאכדעם אז 'מן הבהמה ומן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם', מען זאל קענען מקיים זיין דעם ענין פון א קרבן, און ער זאל זיין דערביי, אז עס איז 'קרבנכם', אז ער זאל טראכטען בשעת מען איז מקריב דעם קרבן, כאילו ער איז זיך אליין מקריב, ווייל וואס מען טוט מיט די בהמה, איז כאילו מען האט עס געטון מיט אים.

## בסעודת שבע ברכות של הר"ר יקותיאל דוב בלום הי"ו חתן הר"ר שמחה פריעדמאן הי"ו

שנערכה על ידי חברי הנהלת המוסדות דקהלתנו הק' בוומסב"ג - מוצאי שבת פרשת ויקרא תשע"ג לפ"ק

**די** הנהלת המוסדות מאכט א סעודת שבע ברכות פארן יו"ר פון די מוסדות רבי שמחה זאל זיין געזונט, וואס לייגט אריין אזויפיל כוחות און שעות ארוכות טאג טעגליך אויפצוהייבן די מוסדות, סיי ביי די יונגלעך און סיי ביי די מיידלעך. און ער העלפט אויך צו, צו אלע אונזערע מוסדות, בממונו. דער אייבערשטער זאל אים געבן, אז ער זאל זעהן אסאך נחת ביי דעם זיווג, און ביי אלע קינדער.

**מען** זיצט דא צוזאמען מיט די עסקנים פאר די מוסדות, מענטשען וואס געבן זיך איבער ארויסצוהעלפן אנדערע. איך האב געטראכט צו זאגן א געדאנק, וואס קען זיין נוגע פארן גאנצן ציבור. איך וועל מקדים זיין, עס קומט אמאל אויס שווער, ווען מען דארף אמאל הערן דברי שבח אויף זיך, אבער פון דעסטוועגן דאך איז דא א ענין אז מען זאל רעדן דערפון. מען האט גערעדט היינט ביי סעודה שלישית, פון די רש"י אויף ויקרא אל משה, וידבר ה' אליו מאהל מועד לאמור (ויקרא א-א), און רש"י זאגט, לאמור, צא ואמור להם דברי כיבושין, גיי און זאג פאר יודען מוסר. זאג זיי, בשבילכם הוא נדבר עמו, וועגן ענק רעדט דער אייבערשטער צו מיר. די אלע יארן וואס יודען זענען געווען אין מדבר איז מען געווען מנודה, און דער אייבערשטער האט נישט גערעדט צו משה רבינו. זאג פאר יודען ווי גרויס זיי זענען, אז בשבילכם, וועגן ענק, רעד דער אייבערשטער צו מיר. דער **חתם סופר** (**בתורת משה** בפרשתנו ז:) פרעגט, אז דאס איז נישט קיין דברי כיבושין, עס איז ווערטער וואס יעדער וויל הערן. מען רעדט פון די מעלה פון יודען און די גרויסקייט פון יודען, בשבילכם הוא נדבר עמו. וואס איז די דברי כיבושין וואס ליגט אין די ווערטער.

**איך** מיין אז דער פשט דערפון איז פשוט. ווען מען ברענגט אמאל ארויס די שבח פון א מענטש, איז עס מחייב דעם מענטש. מען זאגט נאך, אז עס זענען געווען גדולי ישראל, וואס מען האט זיי געשריבן גאר גרויסע טיטלען, און זיי פלעגן אדורכליינען די טיטלען וואס מען האט געשריבן אויף זיי, כאטש זיי זענען געווען זייער ווייט פון כבוד, און זייער ווייט פון נהנה צו זיין פון וואס מען האט געשריבן אויף זיי, פון דעסטוועגן דאך האבן זיי עס געליינט, כדי צו וויסן ווי אזוי די וועלט איז זיי מחשיב, וויסן ווי אזוי מען קוקט ארויף אויף זיי, זיי האבן געפילט אז דאס איז מחייב דעם מענטש, אז ער דארף זיך אנדערש צושטעלן מיט זיינע מעשים, לויט וויפיל די וועלט ווערט אים שאצן. די זעלבע זאך וואס א פשוטער יוד טוט, און א תלמיד חכם טוט, זענען די תוצאות דערפון אינגאנצן אנדערש. די גמרא (יומא פו.) זאגט, אז רבי יוחנן האט געזאגט, אז ווען ער גייט ד' אמות אן תורה און אן תפלין, איז עס גערעכנט פאר אים פאר א חילול ה'. ד' אמות נעמט צו גיין א פאר סעקונדעס, און ווען א גדול גייט א פאר סעקונדעס אן תורה איז עס א חילול ה'. די גדולי ישראל האבן געליינט זייערע טיטלען, כדי זיי זאלן זיך פון דעם אראפלערנען וואס די וועלט האלט פון זיי, און ווי אזוי זיי דארפן זיך צושטעלן דערפאר.

**און** די זעלבע איז נישט נאר ביי תלמידי חכמים, נאר אויך ביי בעלי חסד, אדער ביי בעלי צדקה, און עסקנים. ווען מען ברענגט ארויס די שבח פונעם מענטש, איז עס אסאך מאל מחייב. מען דארף וויסן די חשיבות דערפון, און ווי אזוי מען דארף עס אויסצונוצן, און טון ביתר שאת די זאך וואס מען איז עוסק.

**ווען** משה רבינו זאגט פאר יודען, עטץ זאלטס וויסן ווי גרויס עטץ זענטס, אז בשבילכם הוא נדבר עמי, וועגן ענק רעדט דער אייבערשטער צו מיר, דער דיבור פונעם אייבערשטען איז אין זכות פון כלל ישראל, האט ער אויפגעהויבן כלל ישראל, אז זיי זאלן וויסן, ווי חשוב עס איז דאס וואס זיי טוען, און דאס איז די דברי כיבושין. עס ווענדט זיך נאר ווי אזוי מען ליינט עס. א קליין קינד וועט עס אויפנעמען אז מען האט אים גערימט, יישר כח פאר די קאמפלימענ"ט וואס מען האט אים געגעבן. אבער ווען משה רבינו האט גערעדט צו כלל ישראל, האט ער זיי געזאגט, בשבילכם הוא נדבר עמי, איר זאלט וויסן וואס ענקערע מעשים זענען, ווי גרויס עטץ שטייטס, אז וועגן ענק רעדט דער אייבערשטער צו מיר. און עטץ דארפטס מער אפהיטן ענקערע מעשים, ווייל עטץ זענטס דערהויבענע מענטשען. דאס איז א הקדמה, אז ווען מען רעדט אמאל בשבחו פון איינעם, איז עס נישט ווייל מען וויל אים ליבן, און מען וויל ארויסברענגען זיין שבח, נאר מען וויל ארויסברענגען די חשיבות פון וואס מען טוט, צו וויסן אז מען דארף עס אנהאלטן, און טון דערין מער און מער.

*

**מען** לערנט יעצט מסכת יומא (בחבורת 'ובהם נהגה'), די גמרא (יומא לט:) פרעגט, פארוואס דער בית המקדש ווערט אנגערופן 'בית יער' (מלכים א י-יז), א הויז פון א וואלד. וואס פאר א וואלד איז געווען אין בית המקדש. זאגט די גמרא, אז בשעת שלמה המלך האט אויפגעבויט דעם בית המקדש, האט ער איינגעפלאנצט אינעם בית המקדש אלע סארט ביימער. עפל, אראנדזש, בארן, פיטשעס. און נישט האלצערנע ביימער, נאר גאלדענע ביימער. ער האט אויסגעמאלען א עפל בוים פון גאלד, און א בוים פון אראנדזש'ס, און אזוי ווייטער, די לשון אין די גמרא איז, כל מיני מגדים. און ווען עס איז אנגעקומען די צייט ווען די ביימער בליען, און זיי געבן ארויס פירות, איז ארויסגעוואקסען פון די גאלדענע ביימער גאלדענע פירות. ירעש כלבנון פריו (תהלים עב-טז), די ביימער זענען געווען אינדרויסן אין די עזרה, און עס איז געקומען א ווינט, און עס האט געבלאזן אויף די פירות, און די פירות פלעגן אראפפאלן. עס איז ארפגעפאלען גאלדענע עפל, מיט גאלדענע אראנדזש'ס. און די כהנים פלעגן עס אויפצוהייבן, און זיי האבן עס פארקויפט, און פון דעם האבן זיי געהאט פרנסה. זאגט די גמרא, וועגן דעם ווערט עס אנגערופן א בית היער, ווייל עס איז געווען דארט ווי א וואלד, וואס עס וואקסן דארט אלע ערליי סארט ביימער. ווען די אויבים זענען אריינגעקומען אין בית המקדש, האבן זיי אויפגעהערט צו געבן די פירות, און די גמרא זאגט, אז לעתיד, ווען דער אייבערשטער וועט צוריקגעבן דעם בית המקדש, וועט עס צוריקקומען, און עס וועט אויך זיין די זעלבע פירות.

**עס** איז הפלא ופלא צו פארשטיין די גמרא, שלמה המלך האט גענומען גאלד, און ער האט געמאכט א פארעם פון א בוים, און עס איז ארויסגעוואקסען דערפון גאלדענע פירות. האט מען שוין געהערט, אז א דומם קען ארויסגעבן פירות?! און עס גיט ארויס גאלדענע פירות?! און די צורה פון די פירות איז געווען אזוי ווי אלע אנדערע סארט פירות. וואס האט ער געוואלט ווייזן מיט דעם אין בית המקדש. מילא א זאך וואס עס פעלט אויס צו די עבודה, פארשטייט מען אז עס איז געווען, עשרה נסים זענען געווען אין בית המקדש (אבות ה-ה). אבער סתם צו גיין מאכן גאלדענע ביימער, עס איז געווען א טייערע שפיל צו מאכן גאלדענע ביימער, און עס זאל ארויסוואקסען דערפון גאלדענע פירות. עס מוז דאך עפעס ליגען דא טיפערס, פון וויפיל מיר פארשטייען כפשוטו.

**איך** האב געטראכט, אז דער ענין דערפון קען זיין. ווען א מענטש איז אריינגעקומען אין בית המקדש, און ער האט געזען ווי אזוי די כהנים און די לויים טוען די עבודה, מיט וואס פאר א דערהויבנקייט עס איז געווען. שבט לוי האבן נישט געהאט קיין חלק ונחלה בארץ, זיי זענען געווען אוועקגעגעבן נאר צו תורה, יורו

משפטיך ליעקב ותורתך לישראל (דברים לג-י), זיי זענען געזעסן און געלערנט און געדינט דעם אייבערשטן. ווען עס איז אריינגעקומען א פשוטער יוד אין בית המקדש, און ער האט צוגעקוקט צו די עבודה פון די כהנים און די לויים, האט ער געקענט אזוי טראכטן, וואס טו איך אויף, אויף די וועלט. זיי דינען דעם אייבערשטען, זיי זענען כהנים משרתי ה', און איך האב נישט זוכה געווען צו זיין צווישן זיי, וואס קען איך אויפטון.

**דער** אמת איז, אז ער קען יא אויפטון. **יעדער יוד קען אויפטון. יעדער יוד קען זיין א צו הילף פאר עבודת הקודש. אפילו ער קען עס נישט טון אליין, ער קען אבער צוהעלפן פאר תלמידי חכמים אז זיי זאלן קענען זיצען און לערנען. ער קען צוהעלפן פאר תלמוד תורה'ס צו האדעווען יודישע דורות. ער העלפט צו פאר א מיידל שולע אויפצושטעלן יודישע מאמע'ס פארן קומענדיגען דור. און ווי מער מען לייגט אריין צייט און כח, און די פירות זענען שנער, זענען די זכותים דערפון אסאך גרעסער. עס איז נישט נאר אז מען העלפט ארויס יעצט פאר א קינד, יעצט האט מען אים געהאלפן אז ער זאל קענען אביסל לערנען, נאר עס איז דא פירות און פירי פירות, וואס קומען ארויס שפעטער. ווען ער וואקסט אויס א תלמיד חכם, האט ער א אנדערע שטוב, ער האט נאכדעם ערליכע קינדער מיט אייניקלעך עד סוף כל הדורות, וואס די זכותים דערפון איז גרויס. א מענטש קען מיט זיין פארמעגן וואס ער העלפט ארויס פאר תורה, שאפן מער פירות פון וויפיל א מענטש קען טון בפועל.**

**איך** זאג אסאך מאל נאך, אז די גמרא (סוטה יב.) זאגט, אז צדיקים איז ממונם חביב עליהם יותר מגופם, זייער געלט איז ביי זיי מער חביב פון זייער גוף. געלט זאל זיין מער חביב פון א גוף? ביי רשעים זעהט מען אזוי, אז ובכל מאדך קומט ביי זיי פאר ובכל נפשך (דברים ו-ה), אבער נישט ביי צדיקים. נאר דער פשט דערפון איז, א צדיק לעבט דאך נאר כדי ער זאל קענען טון פארן אייבערשטענס כבוד. זיין גוף איז זייער באגרעניצט וויפיל ער קען טון. ער האט נישט מער פון פיר און צוואנציג שעה אינעם טאג, מער קען ער נישט טון פארן רבונו של עולם. ער איז נאר איין מענטש, ער קען לערנען און דאווענען, אבער עס איז נישט מער פון א עבודה פון איין מענטש, פיר און צוואנציג שעה. אבער מיט זיין געלט, קען ער האבן זכותים פון תורה פון הונדערטער תלמידי חכמים, פון טויזנטער קינדער וואס וואקסען אויס. ער קען אסאך מער אנקומען מיט זיין געלט, פון וויפיל ער קען אנקומען מיט זיין גוף. איז צדיקים ממונם חביב עליהם יותר מגופם, זייער געלט איז ביי זיי מער חביב פון זייער גוף, ווייל מיט זיין געלט קען ער אסאך און אסאך מער אויפטון, פון וויפיל ער קען אויפטון מיט זיין גוף.

**דער** יוד וואס איז אריינגעקומען אין בית המקדש, און מען האט אים געוואלט געבן חיזוק, דו האסט טאקע נישט זוכה געווען צו זיין פון די כהנים משרתי ה', אבער דו זאלסט וויסן, אז מיט גאלד וואס מען גיט אין בית המקדש, איז אויך דא פירות. גאלדענעביימער גיבן אויך ארויס גאלדענע פירות. און אזוי ווי א מענטש ווערן זיינע מעשים גערעכנט ווי זיינע פירות, זאלסטו וויסן אז אפילו דו קענסט נישט טון בפועל די עבודה אין בית המקדש, אבער מיט די גאלדענע ביימער וואס דו גיבסט אריין אין בית המקדש, פון דעם וואקסט אויך פירות. און א מענטש קען זוכה זיין צו בצל החכמה בצל הכסף (קהלת ז-יב), דורך בצל הכסף קען מען זוכה זיין צו זיין בצל החכמה. ווען א יוד ווייסט אויסצונוצן זיין פארמעגן מיט מצות און מעשים טובים, אויסצונוצן זיין גוף אוועקצוגעבן פאר תורה, האט ער א חלק אין תורה פון א סאך יודישע קינדער. און מען קען אסאך מאל מער זוכה זיין מיט זיין געלט, פון וואס ער קען זוכה זיין בגופו. און דאס איז געווען וואס שלמה המלך האט געוואלט לערנען יודען, אז די עבודה פון בית המקדש, איז אויסער די עבודה וואס די כהנים האבן געטון דארט, איז דא א עבודה פון גאלדענע ביימער. מען קען האבן ביימער פון גאלד וואס מען לייגט אריין אין בית המקדש, און עס גיט ארויס פירות. די כהנים זענען זיך מפרנס

פון די פירות, און דאס איז אויך א עבודה וואס איז חביב פארן אייבערשטען.

**רבי** שמחה זאל זיין געזונט, וואס האט אזויפיל זכותים אין החזקת התורה, אויסער דעם וואס ער העלפט די מוסדות, וויפיל הונדערטער פריוואטע תלמידי חכמים, צובראכענע מענטשען, ראשי ישיבות דאהי און אין ארץ ישראל, ווערן ארויסגעהאלפען. ער האט א געוואלדיגע זכות אין דעם וואס מען טוט ארויסהעלפען פאר א צווייטען. דער **רמב"ם** (הל' איסורי מזבח ז-יא) זאגט, אויפן פסוק (ויקרא ג-טז) כל חלב לה', זאגט דער **רמב"ם**, אז יעדע דבר מבחר וואס א מענטש האט, כל חלב, יעדע בעסטע זאך, זאל ער געבן לה', זאל ער אוועקגעבן פון זיין פארמעגן פארן אייבערשטען. ווען עס קומט א עני און מען דארף אים געבן צו עסן, זאל ער אים געבן פון די בעסטע מאכלים וואס איז דא אויפן טיש. זאגט דער **רמב"ם, ווען מען בויט אויף א בית תפלה, א בית המדרש צו דאווענען, זאל ער עס מאכן שענער פון זיין שטוב ווי ער וואוינט.** דאס איז טייטש כל חלב לה'. מאך שענער פארן רבונו של עולם, פון דאס וואס דו טוסט פאר דיר אליין. קוק וואס פאר א שיינע פראכט ער האט צו געשטעלט דעם בית המדרש מיטן כולל, אז מען זאל קענען זיצען און לערנען. דאס איז דער כל חלב לה', די בעסטע וואס מען האט, דארף מען אוועקגעבן פארן אייבערשטען. **אויפן רבונו של עולם האט נאך קיינער נישט דערלייגט, וואס א יוד טוט פארן אייבערשטען, איז דא כמה דרכים למקום ווי אזוי דער אייבערשטער באצאלט עס צוריק, סיי בממונו, און סיי בגופו, און סיי אין קינדער.** דער אייבערשטער העלפט אז מען האט גערעטענע קינדער, עס וואקסן אויס קינדער תלמידי חכמים, מען שטעלט אויף שיינע שטובער, דאס איז אלעס זכותים וואס דער אייבערשטער באצאלט פאר תורה. המוקיר רבנן הווין לו בנין רבנן (שבת כג:) ווען א מענטש טוט שעצן תלמידי חכמים, האט ער קינדער תלמידי חכמים. און אז מען האט טעכטער, גיט דער אייבערשטער אז מען האט איידימער תלמידי חכמים. דער רבונו של עולם בלייבט נישט שולדיג. - זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז ער זאל זעהן אסאך יודיש נחת ביי דעם זיווג, מען זאל קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל.

*

**אז** מען רעדט שוין פון מחזיק זיין תורה, וויל איך ענדיגען מיט א מעשה. איך האב געזען שטיין פון **רבי יעקב גלינסקי ז"ל**, אז ער האט פארציילט אז ער איז אמאל פאר פסח געגאנגען צו א עושר, בעטן געלט פאר קמחא דפסחא. ער קלאפט אן אויף די טיר און ער קומט אריין, און ער זעהט ווי ער וואוינט אין אזא עלעגאנטע הויז, שיין, ברייט. ער קומט אריין און ער באגריסט דעם נגיד, און ער זאגט אים, איך זעה דו וואוינסט אזוי שיין אין אזא שיינע דירה, דו ווייסט דאך אבער אז עס איז דא ארימעלייט, עס איז פאר פסח און מען דארף ארויסהעלפן, זיי דיך אויך משתתף מיט קמחא דפסחא. הייבט ער אן צו קרעכצן, אז צייטן איז שוין נישט אזוי ווי עס איז געווען אמאל, אמאל האב איך געהאט מער, היינט האב איך ווייניגער, און איך קען נישט אזויפיל געבן. ער האט זיך פארבירט ארויסצודרייען פון זיך משתתף זיין.

**זאגט** רבי יעקב, האב איך אים געזאגט, מיט א דבר תורה מעג איך דיך מזכה זיין? זאגט ער, יא, פארוואס נישט, עס קאסט נישט קיין געלט. האט ער אים געזאגט, די גמרא (ברכות ג:) זאגט, אז מען איז געקומען צו דוד המלך און מען האט אים געזאגט, עמך ישראל צריכין פרנסה. האט ער געזאגט, לכו והתפרנסו זה מזה, מען זאל גיין האנדלען איינער מיטן צווייטען, וועט מען האבן פרנסה. האט מען אים געזאגט, אין הקומץ משביע את הארי, ואין הבור מתמלאות מחליותו, מען קומט נישט אויס. האט ער געזאגט, לכו פשטו ידיכם בגדוד. גייטס ארויס, פירט מלחמות, און אז מען וועט זיגען די מלחמות, וועט זיין א שלל פון די פיינט, און עס וועט זיין מיט וואס מען זאל זיך קענען מפרנס זיין. האט דער **טשעבינער רב זצ"ל** געפרעגט, דאס איז עפעס א מהלך? אז מען קען זיך נישט מפרנס

זיין איינער פון צווייטען, זאל מען ארויסגיין און פירן א מלחמה, און עס וועט זיין געלט. דו ביסט אזוי זיכער אז מען געווינט א מלחמה, און מענטשן פאלן נישט ביי א מלחמה, און מען ווייסט עפעס וויפיל שלל עס וועט זיין פון די פיינט, און מיט דעם וועט מען מפרנס זיין. פארוואס האט ער געזאגט, פשטו ידיכם בגדוד.

**האט** דער **טשעבינער רב** געזאגט, אז די פשט אין די גמרא איז, אז מען וועט אויסרופן אז מען גייט ארויס צו א מלחמה, וועט מען מאביליזירן גאנץ כלל ישראל, אז יעדער זאל זיך שטעלן צום צבא, ווייל מען גייט ארויס פירן א מלחמה. און דער פסוק (דברים כ-ה) זאגט דאך, אז די שוטרים רופען אויס, אז נישט יעדער קען ארויסגיין אין די מלחמה. ווער עס האט געבויט א הויז, און ער האט עס נאכנישט מחנך געווען, ילך וישוב לביתו. גייען יעצט צוריק אפאר טויזנט יודען, ווייל זיי האבן געקויפט הייזער און זיי האבן עס נאכנישט מחנך געווען. רופט ער אויס ווייטער, ווער עס האט איינגעפלאנצט א כרם, און ער האט עס נאכנישט מחלל געווען, ילך וישוב לביתו. גייען ארויס נאך א פאר טויזנט יודען, וואס זאגן אויס דעם אמת אז זיי האבן א כרם, און זיי האבען עס נישט מחלל געווען. און נאכדעם וואס יעדער איז ארויסגעגאנגען, וועט מען זאגן יעצט פאר די יודען וואס זענען ארויסגעגאנגען, אז עטץ האטס הייזער מיט כרמים, האט עטץ מפרנס צו זיין די איבריגע, און מען דארף שוין נישט א מלחמה. - עס איז טאקע דא תירוצים, מען האט נישט, און מען קען נישט, וכדומה. פשטו ידיכם בגדוד, מען וועט געבן א געלעגענהייט אז מען קען ארויסגיין אין מלחמה, און די וואס האבן הייזער און כרמים, וועלן קענען צוריקגיין, וועט מען זעהן וויפיל טויזנטער יודען וועלן זיך ארויסרוקן, און זיי וועלן נישט מיטגיין אין די מלחמה. - האט **רבי יעקב גלינסקי** געזאגט, דו ווילסט נישט געבן צדקה, פיין. אבער איך האב דיר דאך מזכה געווען מיט א תורה, און איך האב דיר מזכה געווען מיט א פארציע מוסר. צום סוף האט ער געגעבן.

**ביי** רבי שמחה דארף מען נישט מאבאליזירן א מלחמה, כדי ער זאל געבן פאר אנדערע, ער גיט עס בסבר פנים יפות. זאל דער אייבערשטער משפיע זיין שפע ברכה און הצלחה פארן גאנצן כלל ישראל. בניסן נגאלו ובניסן עתידין ליגאל (ר"ה יא.), יעדע שמחת חתן וכלה איז כאילו בנה אחת מחורבות ירושלים (ברכות ו:), זאלן מיר זוכה אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר לייבוש דרוממער הי"ו

יום א' פרשת צו תשע"ג לפ"ק

**רש"י** אין פרשת בא (שמות יב-ו) ברענגט צו א טעם, פארוואס מען האט מקדים געווען צו נעמען דעם קרבן פסח מבעשור. דער אייבערשטער האט געהייסען, אז מען זאל נעמען דעם קרבן פסח דעם צענטן טאג אין ניסן, און עס קושר זיין בכרעי המטה. מען דארף דאך ערשט שחט'ן דעם קרבן פסח ביום י"ד. זאגט רש"י, אז עס איז געקומען די זמן וואס יודען האבן געדארפט ווערן אויסגעלייזט, און יודען האבן נישט געהאט קיין זכותים מיט וואס מען זאל ארויסגיין פון מצרים, ואת ערום ועריה (יחזקאל טז-ז). האט דער אייבערשטער זיי געגעבן צוויי מצוות, דם פסח און דם מילה, אז אין דעם זכות זאלן זיי ארויסגיין פון מצרים. ואראך מתבוססת בדמיך ואומר לך בדמיך חיי (שם). כדי זיי זאלן זיין עסוק אין מצוות, האט מען זיי געגעבן די מצוה פון פסח און מילה.

**די** מפרשים שטעלן זיך, פארוואס האט מען פונקט אויסגעקליבען די צוויי מצות פון אלע תרי"ג מצות, אז דאס זאל מען זיי געבן פאר מען גייט ארויס פון מצרים, מען האט דאך געקענט געבען אנדערע מצות. אז מען דארף האבן א זכות מיט וואס מען זאל ארויסגיין פון מצרים, מוז דאך נישט זיין דוקא די מצוה. איז דאך א סימן, אז אין די מצוה ליגט די כח וואס וועט צוהעלפן אז מען זאל קענען ארויסגיין פון מצרים. וואס איז דער כח פון די מצוות, אז אין דעם זכות זענען זיי ארויסגעגאנגען פן מצרים.

**דער** ביאור דערפון איז, עס שטייט אין **אגרא דפרקא** פונעם הייליגען **בני יששכר זי"ע** (אות כד), אז ווען א יוד דארף א ישועה חוץ לדרך הטבע. בדרך הטבע קען ער נישט געהאלפן ווערן, און ער דארף האבן א ישועה וואס זאל קומען חוץ לדרך הטבע. וואס איז די עצה, וואס קען א מענטש טון דערצו, אז ער זאל זוכה זיין צו אזא ישועה. זאגט דער הייליגער **בני יששכר**, אז דער אייבערשטער פירט זיך מיט א מענטש מדה כנגד מדה. די זעלבע מדה ווי אזוי א מענטש פירט זיך, פירט מען זיך אויך פון הימל מיט אים. ווען א יוד טוט א זאך וואס איז היפך דרך הטבע, ער טוט א דבר טוב מער פון וואס א נארמאלער מענטש וואלט געטון. על פי דרך הטבע וואלט מען געזאגט אז ער דארף עס נישט טון, און ער גייט אריבער די מאס און ער טוט עס יא, איז ער זוכה אז דער אייבערשטער פירט זיך מיט אים אויך אויף דעם זעלבן וועג, מדה כנגד מדה. און אפילו ווען על פי דרך הטבע איז נישט דא קיין ישועה, העלפט אים דער באשעפער שלא כדרך הטבע. אזוי שרייבט דער הייליגער **בני יששכר**.

**יודען** האבן געדארפט ארויסגיין פון מצרים, און מען האט געדארפט האבן געוואלדיגע כוחות, נסים ונפלאות חוץ לדרך הטבע, ווען דער אייבערשטער האט ארויסגענומען יודען פון מצרים. וואס פאר א כח האבן יודען געהאט, ממשיך צו זיין אז דער באשעפער זאל זיי העלפן אז זיי זאלן קענען אויסגיין פון מצרים חוץ לדרך הטבע. האט דער אייבערשטער זיי געגעבן די צוויי מצוות, וואס איז געווען חוץ לדרך הטבע. מל'ן א קינד איז דאך נישט דער סדר, און בפרט אז עס איז נישט געווען נאר קינדער, נאר עס איז אויך געווען דארט גדולים וואס האבן זיך אויך געדארפט מל'ן, כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כג), א ענין פון מסירת נפש, א גוי וואלט עס נישט געטון, און פון דעסטוועגן דאך האבן זיך אלע יודען געמל'ט. איז עס געווען א ענין פון מסירת נפש וואס יודען האבן געהאט, ווען זיי האבן מקיים געווען מצות מילה. קרבן פסח איז אויך געווען א מסירת נפש, הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו (שמות ח-כב). אזוי ווי יודען האבען געטון א מצוה וואס איז געווען היפך פון דרך הטבע, האבן זיי זוכה געווען ממשיך צו זיין א ישועה וואס איז אויך געווען שלא כדרך הטבע.

## מתוך השיחה בניחום אבלים אצל משפחת הר"ר שמואל זאנוויל כהנא ע"ה

יום ג' פרשת צו תשע"ג לפ"ק

**א' האבלים:** ווען מיין טאטע איז נישט געווען געזונט, האט ער מיר געזאגט, אז ער טעס"ט זיך די קאפ, צו ער פארגעסט נישט.

**רבינו:** עס האט מיר איינער געזאגט, אז דער **סאטמארער רב זי"ע** האט זיך אמאל געאייסערט, אז ער וואלט ענדערש מסכים געווען צו זיין פאראליזירט, אבער מען זאל אים נישט צונעמען די קאפ. - עס איז אמאל נישט געווען, אז מען זאל קענען זיין אזויפיל יאר אן א קלארן קאפ. די רפואות וואס איז דא היינט, האלט אויף דעם מענטש.

**א' האבלים:** מען האפט דאך אז משיח וועט אנקומען, האלט מען דעם מענטש. מען ווייסט דאך נישט וואס וועט זיין, ווילאנג ער איז בחיים, איז ער בחיים.

**רבינו:** עס שטייט אין **ביאור הלכה** (סימן שכט סעיף ד) אז מען מעג מחלל שבת זיין אויף א חולה, אפילו ער איז מרוצץ. איז דאך א סימן, אז די לעבן פון א יוד האט א חשיבות. און ער ברענגט דארט צו, אז דער **מאירי** (יומא) זאגט, אז די טעם פארוואס מען מעג מחלל שבת זיין איז, ווייל ער קען מהרהר בתשובה זיין. זאגט דער **ביאור הלכה**, אז דאס איז נישט די עיקר טעם, ווייל אפילו פאר א מרוצץ, וואס דער קאפ איז אים נישט אויפן פלאץ, מעג מען אויך מחלל שבת זיין, ווייל דער עצם לעבן פון א יוד שטייט העכער.

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר ישראל חיים פאשקעס הי"ו

ערב שב"ק פרשת צו תשע"ג לפ"ק

**מען** זיצט ביי א סעודת ברית מילה, די תורה האט געהייסען ביום השמיני ימול בשר ערלתו (ויקרא יב-ג), דעם אכטן טאג זאל מען מל'ן דאס קינד. דער מדרש (ויק"ר כז-י) שטעלט זיך, פארוואס מען מל'ט דעם אכטן טאג. פארוואס מל'ט מען נישט דאס קינד תיכף ווען ער ווערט געבוירען. דער מדרש זאגט, ווייל עס דארף קודם אדורכגיין א שבת, כדי מען זאל קענען מל'ן דאס קינד, און ביי יעדע אכט טאג איז דא א שבת אינדערמיט, וועגן דעם האט די תורה מצווה געווען ביום השמיני סיי ביי מילה, און סיי ביי א קרבן, מיום השמיני והלאה ירצה לקרבן אשה לה' (ויקרא כב-כז).

**אין** פשטות וואלט מען געקענט זאגן, אז דער טעם דערפון איז, ווייל אזוי ווי די הלכה איז, אז א קינד וואס איז א חולה טאר מען נישט מל'ן, ביז עס גייט נישט אדורך ז' ימים להברותו (שו"ע יו"ד רסב-ב), יעדעס קינד בשעת ער ווערט געבוירן, איז דער עצם אדורכגיין די לידה פון א קינד, שוואכט דאך אפ א יעדע בעל חי. האט די תורה נישט געקענט מצווה זיין צו מל'ן פריער, ווייל מען דארף האבן ז' ימים כדי דאס קינד זאל זיך קענען מחזק זיין צוצוקומען צו די כוחות. - אבער דער טעם איז נישט ריכטיג, ווייל ביי די ז' ימים להברותו איז די הלכה, אז עס דארף זיין מעת לעת. וואלט דאך געדארפט זיין אז מען זאל מל'ן דעם אכטן טאג, נאר ווען עס איז מעת לעת. און מען זעהט אז די תורה האט נישט מקפיד געווען אויף א מעת לעת ביי א ברית מילה. וואס איז דער ענין אז מען קען נישט מל'ן דאס קינד תיכף, נאר מען ווארט צו א פאר טאג.

**רש"י** (שמות יב-ו) ברענגט צו, אז דער קרבן פסח איז געווען מקחו מבעשור, מען האט שוין געדארפט צוגרייטן דעם קרבן פסח דעם צענטן טאג אין ניסן. פיר טאג פריער האט מען זיך צוגעגרייט, מען האט קושר געווען דעם קרבן פסח צו די כרעי המטה. רש"י פרעגט, פארוואס איז דאס געווען. מען האט דאך געהאט צייט צו נעמען דעם קרבן פסח ערב יום טוב. מען זעהט אז שפעטער אין די דורות איז נישט דא די הלכה פון מקחו מבעשור, פארוואס אין מצרים איז עס יא געווען.

**רש"י** זאגט, אז עס איז געקומען די צייט פון די גאולה, און יודען זענען געווען ערום ועריה (יחזקאל טז-ז), און מען האט נישט געהאט קיין זכותים מיט וואס מען זאל קענען אויסגעלייזט ווערן, האט דער אייבערשטער געגעבן צווי' מצות, דם פסח און דם מילה, מען האט זיך געמל'ט, און מען האט געגעבן די מצוה פון קרבן פסח, כדי מען זאל האבן א זכות מיט וואס מען זאל ארויסגיין פון מצרים. ואעבור עליך ואראך מתבוססת בדמיך, ואומר לך בדמייך חיי. - עס איז א גוטע הסבר פארוואס מען האט געדארפט געבן א מצוה אויף ארויסצוגיין פאר דעם, אבער רש"י שמועסט נישט קלאר אויס, פארוואס מען האט וועגן דעם געדארפט מקדים זיין פיר טאג, אז עס זאל זיין מקחו מבעשור. - פון דעם לשון אין רש"י זעהט אויס, אז די התעסקות פון די מצוה, איז געווען א חלק פון די מצוה.

**עס** קען זיין אז דער ביאור דערפון איז. יעדע מצוה ווענדט זיך, ווי אזוי מען גרייט זיך צו, צו די מצוה, אזוי קען מען מקיים זיין די מצוה. יעדע יוד איז מקיים אלע מצות פון די תורה, אבער פון דעסטוועגן דאך איז א חילוק אין איכות פון א מצוה וואס איין יוד איז מקיים, צו די מצוה וואס א צווייטער יוד איז מקיים. לויט ווי אזוי א יוד גרייט זיך צו פארדעם, ער מאכט די ריכטיגע הכנה, ער איז עוסק אין די דינים פון די מצוה, און ער גרייט צו זיין נפש מקבל צו זיין דעם אור פון די מצוה, אזוי איז ער שפעטער זוכה מקיים צו זיין די מצוה בשלימות.

**עס** שטייט פון **חידושי הרי"ם**, אז ביי די מנורה איז געווען די מצוה, אז מען זאל מדליק זיין די מנורה יעדן טאג. און די הלכה איז, אז הדלקת הנרות איז כשרה בזר, די הדלקה קען אנצינדען אפילו א זר אויך, אבער די הטבת הנרות, צוצוגרייטן די מנורה כדי מען זאל קענען צינדען, איז נישט כשר נאך דורך א כהן. ווי אזוי קען עס זיין, אז די הטבה וואס איז דאך נאר א הכנה אז מען זאל קענען מדליק זיין, קען נישט זיין דורך א זר, נאר דורך א כהן. און די הדלקה אליין, קען זיין אפילו דורך א זר אויך. ווי אזוי קען זיין, אז די מצוה אליין קען מען מקיים זיין דורך א זר, און די צוגרייטונג פון די מצוה דארף מען האבן א כהן. האט דער **חידושי הרי"ם** געזאגט, אז פון דעם זעהט מען, אז די צוגרייטונג צו די מצוה אין דעם איז תלוי די גאנצע מצוה. אויב א כהן האט געהעריג צוגעגרייט די הטבה פון די מנורה, קען שוין נאכדעם אנצינדען די מנורה, אפילו א זר אויך. ווייל דער עיקר איז ווי אזוי א מענטש גרייט זיך צו, מקיים צו זיין די מצוה. מען קען נישט אריינפאלן, און מקיים זיין א מצוה, אנדעם וואס מען האט זיך נישט צוגעגרייט פאר דעם.

**ווען** דער באשעפער וואלט מצווה געווען אין מצרים, אז י"ד דארף מען נעמען א קרבן פסח, און עס שחט'ן. מען וואלט טאקע מקיים געווען די מצוה בשלימות, מען וואלט עס געשחט'ן, אבער עס וואלט געפעלט פונעם מענטש די צוגרייטונג צו די מצוה, ער זאל טאקע קענען טון אזא מצוה וואס מען זאל מיט דעם קענען ארויסגיין פון מצרים. אבער אז מען האט שוין געהאט דעם קרבן פסח פיר טאג פארדעם, און מען איז געווען פארנומען מיטן קרבן פסח, מען האט עס צוגעבינדען צום בעט, און מען האט געגעבן צו עסן פאר די שעפסעלע, איז מען די גאנצע צייט געלעגן אין די מצוה. אה, מיר גייען מארגן איבערמארגן מקיים זיין די מצוה, און דאס האט צוגעברענגט אז מען האט זיך געהעריג צוגעגרייט מקיים צו זיין די מצוה פון קרבן פסח, אז עס זאל קענען זיין אזא סארט מצוה, וואס עס זאל זיין ראוי, אז מיט דעם זאל מען האבן א זכות ארויסצוגיין פון מצרים.

**די** זעלבע איז ביי א ברית מילה וואס מען איז מכניס א קינד בבריתו של אברהם אבינו, וואס דאס איז די צוגרייטונג פונעם קינד אויפן גאנצן לעבן. מען קען נישט געבוירן א קינד, און תיכף ווען עס ווערט געבוירן א יונגעל, מל'ט ער דאס קינד. עס פעלט די הכנה פון די מצוה, זיך צוצוגרייטען מכניס צו זיין א קינד בבריתו של אברהם אבינו. אז מען וויל מכניס זיין א קינד בבריתו של אברהם אבינו, גיט מען פארן טאטען א פאר טאג זיך צוצוגרייטען, אז ווען עס קומט די צייט מקיים צו זיין די מצוה, זאל ער עס קענען מקיים זיין בשלימות.